


# די מצוה פון שחיטה

## כי ירחק ממך המקום אשר יבחר ה' אלקיך לשום שמו שם וזבחת מבקרך...

**רבי** חיים וויטאל זצ"ל שרייבט:

עס איז אמאל געווען א דאנערשטאג ווען מיר זענען געזעסן פאר אונזער רבי'ן, דער הייליגער אריז"ל. פלוצלינג איז א ציג צוגעקומען און ארויפגעלייגט אירע צוויי פאדערשטע פיס אויפן טיש וואו דער רבי איז געזעסן. דער הייליגער אריז"ל האט אנגעהויבן רעדן צום ציג אין איר אייגענע שפראך. נאכדעם האט דער רבי געהייסן איך זאל אפקויפן די ציג פון איר בעל הבית און איר צוגרייטן לכבוד די שבת'דיגע סעודות. ער האט אויך אנגעזאגט פארן שוחט פון רבי משה סופינו ז"ל, אז ער זאל דאס שחטן מיט ספעציעלע כוונות און שמות הקדושים וואס דער רבי האט אים געלערנט.

איך האב געפרעגט דעם רבי'ן: פארוואס איז די נשמה מגולגל געווארן דווקא אין א נקבה ציג?

האט דער רבי געענטפערט אז דאס איז א נשמה פון א מענטש וואס האט געלעבט נאך אין די צייטן פון די תנאים, און ער איז מגולגל געווארן אין א נקבה ציג ווייל ער האט זיך נישט געפירט מיט צניעות מיט זיין פרוי.

עס איז באקאנט אז דער עונש פאר אזא התנהגות איז אז די קינדער ווערן געבוירן מיט די מחלה פון עפילעפסיע (נכפה), און אזוי ארום האט ער גורם געווען אז זיינע קינדער זאלן זיין קראנק און שטארבן יונגערהייט. דערפאר איז ער פאררעכנט געווארן ווי א רוצח וואס האט שופך דמים געווען, און נישט סתם פון פרעמדע, נאר פון זיינע אייגענע קינדער.

אזוי אויך האט דער רבי געלערנט פאר זיין תלמיד רבי יצחק כהן די סודות און כוונות פון שחיטה, און דער רבי פלעגט עסן פון זיין שחיטה. ער האט אים שטארק אנגעווארנט אז אין אלע חיות און עופות געפינען זיך נשמות וואס דארפן א תיקון. דורך דעם וואס מיר טוען די מצוה אויפן ריכטיגן אופן - מיט א מעסער וואס איז שארף און גלאט, און מיט א ברכה "על השחיטה" מיט כוונה - קען מען מעלה זיין די נשמה פון די בהמה פון א מדריגה פון "חי" צו א מדריגה פון א "מדבר", נאר נאכדעם קען די נשמה צוריקקומען אין א מענטש זיך מתקן צו זיין, ווייל די קליפות האלטן זיך זייער שטארק אן אין די נשמה.

## שחיטה דוקא ביים האלדז

**דורך** די שחיטה און די ברכה מיט די ריכטיגע כוונה, ווערן די שווערע דינים נמתק און די קליפות ווערן בטל זייער כח. אזוי ווערן די ניצוצות פון די נשמות מתוקן אז זיי זאלן קענען אנקומען צו זייער פלאץ.

דאס איז דער טעם פארוואס שחיטה איז דווקא ביים האלדז, וואס איז דאס שמעלסטע פלאץ אינעם קערפער וואו די דינים זענען דאס שטארקסטע. דורך די שחיטה ווערן די דאזיגע דינים בטל און נמתח און ווערן פארוואנדלט אין רחמים.

אויב א מענטש איז זוכה און ער עסט מיט קדושה, קען ער מעלה זיין דאס עסן צו אזא הויכע מדריגה פון קדושה, אז עס ווערט צוריק מתוקן אזוי ווי עס איז געווען ביי בריאת העולם פארן חטא. דאס איז דער סוד פון דעם חמור פון רבי פנחס בן יאיר, וואס איז געווען אזוי אויסגעאיידלט און ריין אז עס איז געווען אזוי ווי די ערשטע בריאה פונעם "חמור" ביים באשאפן די וועלט.

ווען א מענטש עסט אבער עסן וואס איז נישט ריכטיג מתוקן געווארן, אדער חלילה נישט כשר'ע מאכלים, קען דאס גורם זיין אז ער זאל פאלן פון זיין רוחניות'דיגע מדריגה און עס קען אים אפילו פארוואנדלען אין א שלעכטע בריאה וואס ער איז פריער נישט געווען.

# סדר הגלגולים

## וואס מיינט "גלגול"

**כמעט** קיין איין מענטש איז נישט פטור פונעם עונש פון גלגול. אלע עונשים וואס א מענטש באקומט נאכן שטארבן ווערן אנגערופן "גלגול". אפילו צדיקים און תלמידי חכמים זענען נישט פטור, ווייל דער אייבערשטער איז נישט קיין "וותרן" און אלע עבירות מוזן ווערן אפגעווישט. הערשט נאכדעם וואס זיי באקומען דעם עונש אפילו אויף די קלענסטע עבירה, קענען זיי באקומען זייער שכר און ארויפגיין צו זייער פלאץ אין הימל. אפילו אויב איינער איז געווען א גרויסער צדיק, וועלן אים זיינע מצוות נישט העלפן דאס אויסצומיידן, ווייל דער אייבערשטער נעמט נישט קיין "שוחד" פון מצוות, ווי די גמרא זאגט אין מסכת תענית (י"א.). מער פון דעם, אמאל קען א נשמה שוין זיין הונדערטער יארן אין גן עדן, אבער ווען מען וויל אים ארויפפירן צו א העכערע מדריגה אין גן עדן, וועט מען אים משפט'ן אויף קליינינקייטן וואס מען האט פריער נישט גערעכנט פאר קיין חטא.

דאס איז ענליך צו די מעשה מיט די ציג וואס מיר האבן דערציילט.

דער אריז"ל האט אונז אויך אמאל דערציילט וועגן א צדיק פון עטליכע דורות פריער, וואס מען האט געוואלט ארויפפירן צו א העכערע רוחניות'דיגע מדריגה. מען האט אים דעמאלט דורכגעזוכט און לויט זיין הויכע מדריגה געפונען א חסרון אויף עטליכע זאכן: איינס, אז אמאל האט ער מסיח דעת געווען פון זיינע תפילין. דאס איז געווען ווען זיין הארץ האט געברענט מיט א פלאם בשעת ער האט געזאגט די ווערטער "יהי רצון שלא ניגע לריק ולא נלד לבהלה". צוליב די גרויסע דביקות און כוונות האט ער פארגעסן פון די תפילין, און דערויף איז ער געשטראפט געווארן. די צווייטע זאך איז געווען אז אמאל אום שבת איז אביסל זאמד אריינגעקומען אין זיין שיך, און ער איז אזוי ארויסגעגאנגען אין רשות הרבים. מיר זעען, אז אויב אויף אזעלכע קליינע זאכן איז מען אזוי מדקדק, כשכ"ש אויף ריכטיגע עבירות. דער אייבערשטער זאל אונז היטן פון אלע עונשים.

## פארשידענע מיני גלגולים אויף פארשידענע עבירות

**יעדע** עבירה איז גורם א גלגול וואס איז ענליך צום חטא. אמאל ווערט א מענטש מגולגל אין א שטיין, אמאל אין א פלאנץ, און אמאל אין א חיה, ווייל דורך זיינע חטאים איז ער געווארן געגליכן צו א בהמה. דארט בלייבט מען ביז די באשטימטע צייט איז פערטיג, אדער ביז מען קומט אן צו א מענטש וואס מאכט א תיקון.

ווער עס רעדט לשון הרע אדער ענליכע עבירות, ווערט מגולגל אין א שטיין, וואס איז אייביג שטיל, ווייל ער איז נישט געווען שטיל פון רעדן זאכן וואס זענען אסור. ווער עס פיטערט נבילות פאר אידן, ווערט מגולגל אין א בלעטל אויף א בוים, און זיין עונש איז אז דער ווינט בלאזט אים אן אויפהער און ער האט נישט קיין מנוחה. ווען דאס בלעטל פאלט פונעם בוים איז דאס פאר אים ווי א מיתה, און אמאל באקומט ער דעמאלט זיין תיקון, אבער אמאל מוז ער צוריקגיין אין אן אנדער בלעטל. עס איז נישט דא קיין שיעור וויפיל מאל דאס קען פאסירן, אלעס איז געוואנדן לויט ווי גרויס די עבירה איז געווען.

ווער עס הרג'עט א מענטש, ווערט מגולגל אין וואסער, וואס דאס איז מרמז אינעם פסוק "על הארץ תשפכנו כמים". די נשמה ווערט אריינגעלייגט דארט וואו דאס וואסער לויפט מיט א שטארקן שטראם; ער וויל זיך אויפשטעלן אבער דאס וואסער שטופט אים כסדר אראפ, דאס איז נרמז אינעם פסוק "שופך דם האדם באדם דמו ישפך".

ווער עס היט נישט אפ ערליך נטילת ידים, ווערט אויך מגולגל אין וואסער, ווי עס שטייט " אזי עבר על נפשנו המים הזידונים... ברוך ה' שלא נ'תננו ט'רף ל'שיניהם". דער ווארט "נטל" געפינט זיך דארט אין די ראשי תיבות. חז"ל האבן שוין מרמז געווען אין מסכת סוטה (ד':): "ווער עס איז מזלזל אין נטילת ידים ווערט אויסגעריסן פון די וועלט". עס איז אויך מרמז אין די ווערטער "ש'לא נ'תננו ט'רף ל'שיניהם" - ראשי תיבות **"שנטל"** דאס איז מרמז אז ווייל ער האט יא געוואשן נטילת ידים דארף ער נישט באקומען דעם עונש. דאס זעלבע איז מיט איינעם וואס היט נישט אפ ברכת הנהנין, אדער ער איז מזלזל אין דעם, ווי די גמרא (ברכות לה.) זאגט אויף דעם די פסוק "גוזל אביו ואמו חבר היא לאיש משחית", אויך זיי ווערן מגולגל אין וואסער.

ווער עס זינדיגט אין עריות (ניאוף), ווערט מגולגל אין א מיל וואו מען מאלט מעל, און אלעס וואס ווערט געמאלן ווערן זיי צוזאמען געמאלן, און סיי דער מאן און סיי די פרוי פילן כסדר די גרויסע יסורים.

א מנהיג אדער א שליט וואס פירט זיך מיט גאווה און חוצפה כלפי דעם עולם, קומט צוריק אין א גלגול פון א חיה אדער א באשעפעניש. דאס ווערט דערמאנט אין די גמרא (מגילה י"ד ע"א), וואו רב נחמן זאגט אז עס פאסט נישט פאר פרויען צו זיין חשוב'ע פיגורן אדער אננעמען פאזיציעס, ווייל דאס ברענגט זיי צו גאווה.

מיר זען טאקע ביי די צוויי נביאות, דבורה און חולדה, אז זייערע נעמען זענען געווען פיינטליכע נעמען: 'דבורה' מיינט א בין, און 'חולדה' מיינט א ראט. דאס איז געווען אלס א שטראף ווייל דבורה האט נישט געוואלט גיין צו ברק, נאר זי האט פארלאנגט ער זאל קומען צו איר, כאטש ער איז דעמאלטס געווען דער שופט. און חולדה האט געשיקט שלוחים צו יאשיהו המלך - וואס איז געווען א גרויסער צדיק - און זי האט געזאגט "זאגט פאר דעם מאן", זי האט נישט געזאגט מיט כבוד "זאגט פאר'ן מלך".

אזוי אויך, די וואס רעדן נישט ווי מ'דארף, ווערן נתגלגל אין א 'בין' (עס איז דא א ווערטל דערויף, ווייל ער זאגט "איך בין", וואס קלינגט ווי דעם נאמען פונעם באשעפעניש). א מענטש וואס קוקט אויף פרויען רח"ל, ווערט נתגלגל אין א פויגל וואס הייסט "ראה", וואס דאס איז א פויגל וואס קען זען אויף דעם ווייטסטן מרחק פון אלע פויגלען.

פארשטייט זיך אליין, אז דאס איז אלעס נאר אויב ער האט נישט תשובה געטון, ווייל תשובה מעקט דאך אלעס אויס. עס איז אויך דא א מלאך וואס איז ספעציעל ממונה אויף דעם, צו מאכן זיכער אז דער מענטש באקומט פונקטליך די ריכטיגע שטראף לויט

ווי מ'האט אפגעמאכט אין בית דין של מעלה. (שער הגלגולים, הקדמה כ"ב; טעמי המצוות, פרשת ראה; שער המצוות, פ' ראה).

### א פארפאלענע נשמה

**אלס** אן השלמה איז כדאי אראפ ברענגען די מעשה וואס איז באקאנט פון הייליגן בעל שם טוב.

עס איז געווען א גרויסע פראש אין א וואסער אויף זייער א ווייטער פלאץ, אין דעם פראש איז געווען א גלגול שוין אפאר הונדערט יאהר און עס האט זייער געליטן דארטן. די מעשה איז געווען אז עס איז געווען א תלמיד חכם וואס האט מזלזל געווען אין נטילת ידים, און עבירה גוררת עבירה און דורך דעם איז ער אראפ פון אידישן וועג און עובר געווען אויף אלע עבירות, און איז אוועק פון די וועלט אן קיין תשובה, און וויבאלד די אנהייב איז געווען די פגם פון נטילת ידים איז ער געווארן מגולגל און א וואסער, (ע"י תפארת שלמה פרשת בלק ד"ה אולי אוכל נכה בו)

# די מצוה פון צדקה

### נתן תתן לו ולא ירע לבבך בתתך לו כי בגלל הדבר הזה יברכך

**איידער** א מענטש גיבט צדקה איז דער מענטש "צדק" וואס מיינט מידת דין, ווייל די דריי אותיות איז מרמז אז מען איז נישט מתוקן. א צורה פון אות צדיק איז צ וואס דאס איז א יו"ד מיט א נו"ן וועלכע זענען אוועקגעדרייט איינער פון צווייטן (לויטן אר"י דארף די יו"ד פונעם זיין אויסגעדרייט די פנים צו די רעכטע זייט), דאס איז אזויווי פיינט וואס קוקן זיך נישט אן. די דל"ת איז טייטש ארימקייט, עניה ודל"ה, און די קו"ף ווייזט אויף ק'ליפות, און וועגן דעם ציט זיך עס אראפ אונטער פון די אותיות, די קו"ף **איז מרמז אויף אלע ניצוצות פון קי"ן** מיט אלע פארפאלענע נשמות. אבער ווען דער מענטש געבט צדקה קומט צו א ה"א, און דאס שלעפט מען ארויס די נשמות פון די קליפות און מען ברענגט זיי צום תיקון, די ה"א ה איז א נו"ן מיט א יו"ד וואס קוקן זיך אן נארמאל, א ה"א איז אויך א פיס פאר דעם דל"ת זאל נישט זיין ארעם, און א ה"א איז מרמז אויף **הבל** וואס איז א תיקון פאר די פגם פון **קין**, און עס שלעפט ארויס די לאנגע פיס פון די קליפות און געבט שפע פאר די אידן. דאס איז די סיבה אז ווער עס געבט צדקה ווערט רייך, און פארמערט פארמעגנס. (טעמי המצוות, פרשת ראה).

ווען עס קומט צו צדקה און גוטע מעשים, איז דער אריה"ק קיינמאל נישט געווען קיין קמצן. ווי די מעשה פון הבדלה אין בית המדרש, וואס ער האט מנדב געווען פיר גאלדענע רענדלעך פאר צדקה נאר כדי מען זאל אים ערלויבן צו ברענגען זיין אייגענע ווין פאר הבדלה. אזוי אויך ווען ער פלעגט קויפן א חפץ של מצוה, ווי למשל תפילין אדער אן אתרוג, האט ער זיך קיינמאל נישט געדינגען אויפן פרייז; ער פלעגט באצאלן פונקט וואס דער מוכר האט געבעטן לכתחילה, און פלעגט אים זאגן: "דא האסטו דאס געלט פאר דיר, נעם דיר וויפיל דו ווילסט," פונקט ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש פרשת תרומה. (טעמי המצוות, פרשת ראה).

### ברייטקייט פארן שטוב

**בנוגע** זיין מדה פון זיין א בעל חסד און א ברייטהארציגער מענטש, האב איך צוגעזען ביי מיין רבי'ן דער אר"י זכרונו לברכה אז ער האט זיך נישט צופיל געקימערט מיט אנטאן טייערע אדער איבערגעטריבענע שיינע קליידער, און ער פלעגט אויך עסן זייער ווייניג. אבער פאר זיין פרוי'ס קליידער איז ער יא געווען זייער מקפיד; ער האט גאר שטארק אכטונג געגעבן איר צו מכבד זיין און איר שיין אנטאן, און ער האט נאכגעגעבן אלע אירע רצונות אפילו ווען ער האט נישט שטענדיג געהאט די נויטיגע געלט דערפאר.

מיין רבי זכרונו לברכה פלעגט געבן צדקה מיט א געוואלדיגע שמחה און מיט א גוט הארץ, ער האט געגעבן מיט א ברייטע האנט און אמאל האט ער אפילו נישט געקוקט צי עס וועט אים איבערבלייבן עפעס אין די זייט. (טעמי המצוות, פרשת ראה; שער המצוות, פרשת עקב).

# המשך נשמת משה - רביה"ק מסאטמאר זי"ע

**מיר** האבן שוין אראפגעברענגט פון אריז"ל אין ליקוטי תורה ואתחנן אז יעדע פופציג יאהר קומט נאכאמאל אראפ נשמת משה מתקן זיין די פגם וואס ער האט מקרב געווען די ערב רב, און מיר וועלן עס איבער זאגן דא. דער אר"י אין ליקוטי תורה פרשת בא אויף 'קדש לי כל בכור' פרעגט, אז דער אויבערשטער זאגט פאר משה **קדש לי כל בכור** איז פארוואס הייבט משה אן מיט **זכור את יום הזה**, און נאר ביי די צווייטע פרשה זאגט ער **והעברת כל פטר רחם**?

נאר השי"ת האט אים געזאגט "קדש לי" נאר די אידן נישט די "ערב רב" וואס פאר זיי האט השי"ת נישט געוואלט מקדש זיין זייערע בכורים, אבער משה רבינו וואס האט מקרב געווען די ערב רב אנדערש ווי וואס השי"ת האט אים באפוילן, האט מורא געהאט אז זיי וועלן תיכף ביי די ערשטע מצוה נאך יציאת מצרים הערן אז זיי זענען אנדערש וועלן זיי זיך צוריק גיין אין מצרים, אזוי ווי עס איז באמת געווען זייער טענה ווען זיי האבן געמאכט די עגל (ווי מיר האבן שוין אראפ געברענגט אין פרשת בלק). וועגן דעם האט משה רבינו אנגעהויבן געבן אנדערע מצוות קודם ווי אלע זענען גלייך אידן מיט ערב רב, און וועגן דעם שטייט א לשון רבים "**יצאתם ממצרים**" "**היום אתם יוצאים**" און נאכדעם די איבעריגע זאכן שטייט

בלשון יחיד ווייל עס איז נאר פאר די אידן, און נישט פאר די ערב רב,

עס בלייבט אונז נאר צו צאמשטעלן ווען אונז זעען די עבודה וואס רבינו הקדוש האט אריין געלייגט קעגן די ערב רב זיי צו ארויסווארפן פון כלל ישראל, און זיי אפטיילן פון די ערליכע אידן, מיט אלע מלחמות וואס ער האט **"בחוזק יד"** לוחם געווען קעגן די וואס גייען קעגן די תורה, ווי משה רבינו פון היינטיגע דור האט מתקן געווען און אונז אנגעגרייט צו שלימות התיקון, וואס די רע וועט בקרוב זיין "כעשן תכלה" און מיר וועלן זוכה זיין צו א גאולה אמיתית,

## וויואל משה – ארי ט"ב הוא

**עס** איז כדאי צוצוברענגען עטליכע באקאנטע ווערטער וואס איז מפורסם און צושפרייט, מיר ברענגען עס אראפ פון ימי מלך ח"א אנהייב ספר.

**הערה א:** דער קדושת יום טוב האט עדות געזאגט איך האב אסאך געארבעט זיי (דער עצי חיים מיטן רעבין) אויסצוקלייבן הייליגע נשמות.

**הערה ב:** דבר פלא, דער קדושת יו"ט פלעגט זאגן אז ביים לערנען די חק שיינט מען אים אריין תשובות פאר וואס ער וועט דארפן. און פונקט פאר די רבי איז געבוירן האט ער געלערנט די פסוק **"ותלד בן ותרא אותו כי טוב הוא"** און דער תרגום זאגט **"ארי ט"ב הוא"**, און צומארגנס בשעת ער איז געבוירן איז אויסגעקומען די פסוק פון **"ויואל משה"**.

**הערה ז:** די רבי האט אליין מרמז געווען זיין נאמען אין די לעצטע פסוק פון שירת האזינו (וואס איז מרמז אויפן קץ) **ונקם י'שיב ל'צריו ו'כפר א'דמתו עמו**, און ער ברענגט נאך א מורא'דיגע רמז וואס דער רבי האט געזאגט אין זיין לעצטן יאהר האזינו תשל"ט, **"כי אשא אל שמים י'די ו'אמרתי ח"י א'נכי ל'עולם**, האט ער געזאגט ח"י איז ר"ת זיין טאטנס נאמען חנניה יום טוב, און ער צוגעלייגט איך בין שוין א אלטער איד, איך ווייס נישט וואס דער סוף וועט זיין, אויב וועט מען גיין אין מיינע דרכים איז וח"י אנכי לעולם!!!

דער רבי האט פארציילט אז זיין טאטע דער הייליגער קדושת יו"ט האט אים אמאל געהייסן שטעלן ווין ביי די אושפיזין פון משה, האט ער אים געפרעגט איך הייס דאך נישט משה, האט ער געענטפערט עס שטייט דאך "ויואל משה" האט דער רבי אויסגעפירט זעט אויס אז דער טאטע האט שוין געזען אז איך האב שייכת צו דעם ויואל משה.

# המקובל רבי יהודא פתייה זיע"א

## כ"ז אב תש"ב יארצייט פון המקובל רבי יהודא פתייה זיע"א

**פונעם** לערנען דעם ספה"ק 'עץ חיים' מיטן באקאנטן פירוש בלח"י "בית לחם יהודה" זעט מען שוין די גדלות פונעם מחבר, און ווי ער איז געווארן אנגענומען ביי אלע שיכטן פון כלל ישראל. אבער אז מען זעט אויך די וואונדערליכע מעשיות פון תיקוני נשמות ווי ער האט ארויסגענומען רוחות און דיבוקים פון צענדליגער מענטשן. ער שרייבט אז רוב מחלות זענען טאקע רוחות וואס באהאלטן זיך און א מענטש.

מיר האבן שוין אראפגעברענגט פון אים א אינטערסאנטע חלום פון איינעם וואס זיין בן יחיד איז אים פלוצלינג געהרגעט געווארן.

רבי יהודה פתייה האט נאך געלערנט מיטן בן איש חי און מיט זיין ממשיך רבי שמעון אהרן אגסי ז"ל. ווען הרב אגסי איז נפטר געווארן איז ער געווארן רב אין באגדאד. זיין תלמיד רבי ששון הלוי ז"ל, שרייבט אין קונטרס איש מבית לחם יהודה, אז הרב פתייה האט אים אליין געזאגט אז ער קען זיינע אלע גלגולים, און אז ער איז א גלגול פון דער אמורא רב יהודה, און נאכדעם איז ער געווען דער הייליגער נודע ביהודה, און ער זאגט אז אזוי ווי רב יהודה פארציילט די גמרא (כתובות קיא.) אז ער האט געהאלטן אז מען טאר נישט ארויף גיין פון בבל אויף ארץ ישראל ווייל די פסוק אין ירמיה זאגט "בבלה יובאו ושמה יהיו", קומט אויס אז עס איז דא א ציווי פון באשעפער נישט צו ארויף גיין בזמן הזה אויף ארץ ישראל, און זיין תלמיד רבי זירא האט יא געוואלט ארויף גיין האט ער זיך געדארפט באהאלטן פון אים, שרייבט ער דארטן אז ער רבי יהודה פתייה האט געזאגט, אז כדי צו מתקן זיין וואס ער האט נישט ארויף געלאזט רבי זירא, האט ער דריי מאל פראבירט צו ארויף גיין פון "בבל" צו ארץ ישראל, און יעדע מאל מחמת אונס האט ער זיך געמוזט אומקערן, ביז סוף ימיו, שנת תרצ"ד איז ער ארויף קיין ירושלים אין געבליבן דארטן, (וועגן זיין גלגול אלס דעם 'נודע ביהודה' וועט מען אפשר ארום רעדן קומענדיגע געלעגנהייט).

**צום** שלוס ברענגען מיר אראפ א פלא דיגע זאך וואס ווערט געדריקט און די הקדמה פון בית לחם יהודה אויף עץ חיים: אז בשעת ווען די נאציס ימח שמם האבן געוואלט קומען אויף ארץ ישראל, און זיי זענען שוין געווען נאנט צו מצרים, האט הרב פתייה פארפאסט א עקסטערע ספר פון תפילות, און ארום געשיקט שליחים צו אלע קברי צדיקים א חלק צו מערת המכפלה אנדערע צום קבר רחל, און א חלק אויף מירון צו רשב"י, און צו טבריה צו רבי מאיר בעל הנס, און צום הר הזיתים דער אור החיים הקדוש מיטן רש"ש, און נאך, און ער האט אפילו געשיקט איינעם צו מצרים צום קבר פון רבי יעקב אבוחצירא זצ"ל. אלס איינע פון זיינע פעילות האט ער געדינגען פון די ענגלישע מיליטער א מלחמה פליגער און ארויף געלייגט דארטן א מנין מקובלים זאלן מאכן הקפות ארום גאנץ ארץ ישראל, און ביי די פלאץ ווי זיי האבן זיך ארום געדרייט אין מצרים האבן זיך די דייטשן מיט זייער גענעראל ראמעל ימח שמו אויסגעדרייט. אזוי אויך האבן זיי יעדע נאכט געזעצן אויפן ערד און פארגאסן דמעות שליש, ביז מען האט געהערט אז די סכנה איז אריבער. זיע"א.

ארויס געגעבן דורך מכון לחיזוק באמונה בהשגחה פרטית, ובגלגולי נשמות
להערות או לקבל הגליון: 3712485@gmail.com